מײַנע ווערטער זענען טרערן
ווילן רוען אין דײַן האַנט.

ווילנער געטאָ, 1943 22סטן מײַ

## Beneath the Whiteness of Your Stars

Beneath the whiteness of your stars,
Stretch out toward me your white hand;
All my words are turned to tears—
They long to rest within your hand.

See, their brilliant light goes darker
In my eyes, grown cellar-dim;
And I lack a quiet corner
From which to send them back again.

Yet, O Lord, all my desire—
To leave you with my wealth of tears.
In me, there burns an urgent fire,
And in the fire, there burn my days.

Rest, in every hole and cellar
Weeps, as might a murderer.
I run the rooftops, even higher,
And I search—where are you? Where?

Past stairs and courtyards I go running,
Chased by howling enemies.
I hang, at last, a broken bowstring,
And I sing to you—like this:

Beneath the whiteness of your stars,
Stretch out toward me your white hand;
All my words are turned to tears—
They long to rest within your hand.

Vilna ghetto, May 22, 1943*

Leonard Wolf

Most lyrical = most popular



*S. Bak, illustration to Sutzkever's ghetto poems.*

This song was first presented at the second public theatre performance in the Vilno ghetto in February, 1942. Words are by Leyb Rozental (See note about author in *Ikh Benk Aheym).* Composer Misha Veksler (1907–1943), the conductor of the Jewish theatre orchestra in the Vilno ghetto, met his death during the liquidation of the ghetto in September, 1943.

נו קויפֿט זשע פּאַפּיראָסן,
נו קויפֿט זשע סאַכאַרין,
געוואָרן איז הײַנט סחורה ביליק ווערט.
אַ לעבן פֿאַר אַ גראָשן,
אַ פּרוטה — אַ פֿאַרדינסט —
פֿון געטאָ־הענדלער האָט איר דאָך געהערט.

כ'הייס ישׂראליק
איך בין דאָס קינד פֿון געטאָ.
כ'הייס ישׂראליק
אַ הפֿקרדיקער יונג.
כאָטש פֿאַרבליבן גאָלע נעטאָ
דערלאַנג איך אַלץ נאָך
אַ סוויסטשע און אַ זונג!

אַ מאַנטל אָן אַ קראַגן,
תּחתּונים פֿון אַ זאַק,
קאַלאָשן האָב איך, — ס'פֿעלן נאָר די שיך.
און ווער עס וועט נאָר וואַגן
צו לאַכן, אוי אַ סך —
דעם וועל איך נאָך ווײַזן ווער בין איך!

כ'הייס ישׂראליק...

ניט מיינט מיך האָט געבוירן
די הפֿקרדיקע גאַס —
בײַ טאַטע־מאַמע אויך געווען אַ קינד.
כ'האָב ביידן אָנגעוואָרן,
ניט מיינט עס איז אַ שפּאַס,
כ'בין געבליבן, ווי אין פֿעלד דער ווינט.

כ'הייס ישׂראליק,
נאָר ווען קיינער זעט ניט
ווייש איך שטיל זיך
פֿון אויג אַראָפּ אַ טרער.
נאָר פֿון מײַן טרויער —
בעסער אַז מען רעדט ניט,
צו וואָס דערמאָנען
און מאַכן ס'האַרץ זיך שווער.




## Leyb Rosental

### Yisrolik

So, you wanna buy some smokes?
Saccharin too I got.
These days the stuff's going dirt cheap.
A life for just a groschen.

All day I don't make squat—
You heard of the ghetto-peddler? That's me.

I'm called Yisrolik,
The kid from the ghetto.
That's right, Yisrolik,
A happy-go-lucky guy.
I end up with a big fat zero,
Still I can whistle
And hawk a song any time.

A coat without a collar,
Shirt from a gunnysack,
Galoshes, yeah, but no sign of shoes—
Anyone laughs or snickers,
Anyone cracks a joke,
I'll show them what's what and who's who.

I'm called Yisrolik. . . .

It ain't like I was born, say,
In a ditch or a gutter.
Once I had a regular mom 'n dad.
But they both been dragged away.
Well, no use blubbering,
Still, I'm like wind in the fields, a nomad.

Yisrolik, that's me.
And when no one can see,
I wipe away
A tear or two.
But this sorrow—
Better let it be.
Why make a case of it
And drag the heart so low?

Premiered in the Vilna ghetto, February 1942

2nd concert

*Song 31*

**Makh tsi di eygelekh (Close Your Little Eyes)**

**Text: Isaiah Shpigl (1906–1990)**

**Music: David Beyglman (1887–1944)**




Makh tsi di eygelekh,
Ot kimen feygelekh
In krayzn do arim
Tsikopns fin dayn vig.
Dos pekl in der hant,
Dos hoyz in ash in brand,
Mir lozn zikh, mayn kind,
Zikhn glik.

Di velt hot got farmakht,
In imetim iz nakht—
Zi vart af indz
Mit shoyder in mit shrek.
Mir shteyen beyde do,
In shverer, shverer sho
In veysn nit vihin
S'firt der veg.

Men hot indz naket, bloyz
Faryogt fin indzer hoyz.
In fintsternish,
Getribn indz in feld,
In shturem, hogl, vint
Hot indz bagleyt, mayn kind,
Bagleyt indz inem opgrint
Fin der velt.

Close your little eyes,
Soon little birds will fly
In circles everywhere,
Around your cradle.
Your bundle in your hand,
Your house in ash and sand,
X We leave you, my child,
In search for luck.

God closed the world,
Everywhere is night—

She waits for us
With horror and with dread.
We both are standing here,
At this difficult time,
Not knowing where
Our road is leading.

Stripped naked,
We were thrown from our home.
In the dark of night,
Driven out into the open field,
The wind and hail and storm
Accompanied us, my child,
Accompanied us into
The depths of the earth.

This lullaby was written by Isaiah Shpigl, a writer-poet-essayist-teacher who survived the Lodz ghetto and Auschwitz.[8] It was performed in the ghetto theater by the professional singer Ella Diament. The song has been published in several collections,[9] however only two survivors I interviewed, Lucille Eichengreen and Miriam Harel, were able to recall any part of it.

The lullaby is one of the most popular song genres of Yiddish folk and theater music. The performance of lullabies had been a tradition in the Yiddish theater from its inception under Goldfadn in the mid-nineteenth century. In a typical Jewish lullaby, the mother soothes the child to sleep with promises of pleasant times to come. The father is usually absent, off making money for the child's education; his return, however, is said to be imminent. Shpigl's composition turns this concept upside down: Father will never come home. The child lies down to sleep in an open field at the mercy of the elements, his parents' house having been burned to the ground.

Nature does not smile on this Jewish child; rather, the world is full of horror. God has brought night into the little boy's world. The third verse strengthens the horror: "In the dark of night, / Driven out into the open fields, / The wind and hail and storm / Accompanied us, my child, / Accompanied us into depths of the earth."

According to Lucille Eichengreen, Rumkowski was in attendance during one of the performances of this song. He felt that the song manifested a pessimistic point of view of his "kingdom" and instructed the poet, "Ihr mir vest mer nisht zingen" (you will never sing for me again). The song was forbidden and Shpigl was threatened with deportation. After some negotiation, he was allowed to remain in the ghetto but was transferred to a different workshop.

The music is a rare form of musical hybrid, a tango-lullaby. Evidently tango melodies were so popular during this period that even tender lyrics could be set to them without seeming in the least incongruous.

The death of his only daughter, Khavele

מיר פאַרעפנטלעכן דאָ דריי עגטפערס פון הלל צייטלין, ש. סטופּניצקי און אַ. איינהאָרן אויף אַן אַנקעטע וואָס איז אין וואַרשעווער געטאָ דורכן „עונג־שבת" אויסגעשריבן געוואָרן צווישן יידישע שרייבער און וויסנשאַפטלער.

(זע „בלעטער פאַר געשיכטע" באַנד 1 ז' 104).

(אָרטאָגראַפיע נישט געענדערט)

# הלל צייטלין

— צי האָב איך געזען וועלכע ס'איז פּאָזיטיווע מאָמענטן אינם געטאָ?

— לײדער האָב איך געזען בלויז נעגאַטיווע: הונגער, עפּידעמיע מאַסן־שטערבלעכקייט. אויפן געביט פון גייסטיקער קולטור וואָלט מען דווקא יאָ געקאָנט שאַפן עפּעס פּאָזיטיוועס. עס וואָלט צווישן די מויערן פון געטאָ גע־קאָנט אַרויסוואַקסן אַן אייגענע יידישע קולטור, אַ יידיש לעבן. זיינען אָבער יידן אַ פאָלק פון צולהכעיסניקעס, מען רעדט פּויליש מיט אַזאַ התלהבות.. פּויליש איז געוואָרן די הייליקע שפּראַך פון געטאָ. דאָס לשון הקודש פון די געטאָ־יידן.

עפּעס איז פּשוט להכעיס: ווייל מען האָט אונז אַריינגעפּאַקט אין געטאָ, ווייל מען וויל אונז מיט געוואַלט איזאָלירן פון די פרעמדע פעלקער, קולטור, שפּראַכן, ווילן מיר דווקא רעדן די פרעמדע שפּראַך און שפּייען אויף אונזער אייגענע שפּראַך, אייגענע קולטורעלע און גייסטיקע ווערטן. עפּעס ענלעכעס זעען מיר מיטן שבת. מען האָט יאָרלאַנג געקעמפט אין פּוילן קעגן צוואַנגס־זונטיק־רו, אָבער האָבן די יידן אין געטאָ באַקומען די מעגלעכקייט אָפּצוהיטן שבת און האַנדלען פריי זונטאָג, האַנדלען זיי דווקא אום שבת.

עס איז געשען אַן אומגליק, די אַסימילאַציע האָט איבערגעוואַנדערט פון דער מאַרשאַלקאָווסקאַ אינם געטאָ און זי באַאיינפלוסט די יידישע גאַס.

— מיט וואָס טייטשט איר אויס דעם מאָדנעם ליבעראַליזם און טאָ־לעראַנץ בנוגע די משומדים אין געטאָ?

— יידן זיינען בעלי רחמים, כל־זמן די משומדים האָבן זיך געפונען אין דער מחנה פון אונדזערע פאַרפאָלגער, האָבן מיר זיי פיינט געהאַט. יעצט אָבער, ווען זיי געפונען זיך צוזאַמען מיט אונז אין דער מחנה פון די פאַר־

54



independent, and socialist Poland in a voluntary federation of a socialist republic of Europe. . . .

## EVALUATING THE GHETTO: INTERVIEWS IN WARSAW, 1941

### *Hillel Zeitlin*

*Q: Do you see any positive factors in the ghetto?*

Unfortunately I see only negative ones: hunger, epidemics, mass mortality. The area of culture is precisely where something positive could be created. Within the ghetto walls a Jewish culture of our own, a Jewish life, could emerge, but Jews are a contrary people. They speak Polish with such ardor. Polish has become the holy language of the ghetto, the holy tongue of the ghetto Jews.

This is something simply paradoxical. They packed us into the ghetto so they could forcibly isolate us from other peoples, cultures, and languages. Yet we insist on speaking a foreign language and spit on our own language, our own cultural and spiritual values. We see something similar with the Sabbath. For years Jews in Poland fought against Sunday observance laws, but now that Jews in the ghetto can observe the Sabbath and do business on Sundays, they insist on doing business just on the Sabbath.

A misfortune has occurred. Assimilation has made its way from Snob Hill to the ghetto and influences the whole Jewish quarter.

*Q: How do you explain the odd liberalism and tolerance with regard to converts in the ghetto?*

Jews are a compassionate people. As long as the apostates were in the camp of our persecutors, we hated them. But now that they are together with us in the camp of the persecuted,[54] we pity them. "Toleration" even goes so far that the converts among us now find

54. The Germans regarded Jewish converts to Christianity and their children as racial Jews, in accordance with the Nuremberg Laws. These apostates lived in the ghetto and attended two Catholic churches located within ghetto boundaries. Because of expertness or high reputation in their fields, some held prestigious posts in the ghetto bureaucracy.

פאלגטע, האט מען אויף זיי רחמנות. און די „טאלעראנץ" דערגרייכט שוין אזוי ווייט, אז די משומדים געפונען זיך ביי אונז אין א ספּעציעל פּריווילעגירטער לאגע. עס זיינען פאראן גוטע ספּעציעלע פאלקס־קיכן פאר משומדים אויסגעהאלטן פון „זשיטאס" און די מיטאגן דארטן זיינען פיל בעסער ווי אין די געוויינלעכע פאלקס־קיכן, אזוי זארגט מען פאר די משומדים... דאס האט שוין דערפירט דערצו, אז מען לויפט זיך שמדן, בכדי צו באקומען א בעסערן מיטאג.

און אז מען רעדט שוין וועגן משומדים, מוז מען זיך אפּשטעלן אויף דער טרויעריקער ראל פון דער קהלה, וועלכע פּאוואריזירט משומדים, באזארגט זיי מיט די בעסטע שטעלעס און רוקט זיי ארויס אויפן אויבנאן פון געזעלשאפטלעכן לעבן אין געטא.

— פון וואנען נעמט זיך די דאזיקע ליבע פון אונזערע קהלה־לייט צו משומדים? דאס נעמט זיך דערפון — וואס אין דער קהלה זיצן פארבאהאלטענע מאסקירטע אסימילאטארן, וואס פילן פאראכטונג צו יידיש, יידישע קולטור און צו די יידישע פאלקס־מאסן.

— מיט וואס דערקלערט זיך די ירידה און אפּשוואכונג פונם רעליגיעזן לעבן אין געטא. און די געשיכטע לערנט דאך אונז, אז שטענדיק ווען עס שטארקן זיך די צרות אויף יידן, פארשטארקט זיך דער רעליגיעזער גלויבן, נעמען זיך די מאסן פעסטער קלעמערן אין דער אמונה, תורה?

— יא, עס איז לײדער א טרויעריקער פאקט, אז דאס רעליגיעזע לעבן אין געטא איז זער געפאלן. עס פארשווינדט דער שבת. אין א הויז, למשל, וווּ איך וווין, צווישן 220 פאמיליעס, געפינען זיך קוים צוויי, דריי פאמיליעס שומרי שבת.

וואלטן די שונאים גערודפט די רעליגיע, נישט געלאזט אפּהיטן שבת, נישט געלאזט דאווענען, וואלט זיך געשטארקט דער ווידערשטאנד, וואלט געוואקסן די רעליגיעזיטעט. שטערט מען אבער נישט, ווערט מען גלייכגילטיק צו דער רעליגיע.

די ערשטע צייט האבן טאקע די שונאים געפּרוווט פארפאלגן די רעליגיע, באפאלן שולן און בתי־מדרשים... זיי האבן זיך אבער באלד געכאפּט, אז עס איז א פאלשע טאקטיק, ווייל דערמיט וועלן זיי בלויז פארשטארקן די רעליגיעזיטעט און ממילא דעם גייסטיקן ווידערשטאנד פון די יידישע מאסן און דעריבער האבן זיי גלייך געענדערט די טאקטיק.

כאראקטעריסטיש איז דער בונט קעגן רבונו של עולם, קעגן הימל, וואס לאזט זיך מערקן ביי פיל רעליגיעזע יידן, וועלכע ווילן נישט מער מצדיק זיין את הדין.

לײדער האבן די רעליגיעזע פירער אין פוילן גאר נישט געטון פאר דער מלחמה, בכדי צו שטארקן די רעליגיעזיטעט צווישן די מאסן. מען האט געפירט

55



themselves in a privileged position. There are good public kitchens run by the ŻTOS especially for converts and the meals there are much better than those in the regular kitchens. Such is the concern for the converts. It has already come to the point that people rush to convert so as to get a better meal.

While speaking of converts, we ought to mention the deplorable role of the Kehilla, which shows favoritism to the converts, provides them the best jobs, and puts them in the forefront in our communal life in the ghetto.

Q: *What is the source of this love our community leaders have for converts?*

It springs from the fact that there are in the Kehilla concealed, disguised assimilationists who have contempt for Yiddish, Jewish culture, and the Jewish populace.

Q: *How can you explain the decline and weakening of religious life in the ghetto? History teaches us, after all, that always when the trials of the Jews increased, religious faith increased and the people clung more firmly to their faith, to Torah.*

Yes, it is unfortunately a sorrowful fact that religious life in the ghetto has declined considerably. The Sabbath is vanishing. Of the 220 families in the building where I live barely two or three observe the Sabbath. If our enemies would persecute our religion, forbid Sabbath observance, forbid Jews to pray, resistance would be strengthened and religiosity would grow. When there are no hindrances, people grow indifferent to religion.

At the start our enemies had indeed tried to persecute religion, attacking synagogues and prayerhouses. But right away they realized that these were wrong tactics because thereby they would only strengthen religiosity and consequently the spiritual resistance of the Jewish people as well. Therefore they straightaway changed their tactics.

Characteristic is the rebellion against God, against Heaven, which is noticeable among many religious Jews who no longer wish to declare that God's judgment is right.

Religious leaders in Poland regrettably did nothing before the war to strengthen religiosity among the populace. They fought for kashrut. But what was this kashrut propaganda? Did it explain just why kashrut should be observed? No, they did not explain. The Sabbath observers made scandalous scenes in the streets, fighting

א קאמף פאר כשרות. אבער ווי האט זי אויסגעזען די כשרות פראפאגאנדע, האט מען זיך אויפגעקלערט, פאר וואס דווקא כשר? ניין, מען האט עס נישט אויפגע־קלערט. די שומרי שבת האבן געמאכט וויסטע אוואנטורעס אין די גאסן, זיך געשלאגן מיט די חסרלעך. איז דאס געווען „פראפאגאנדע״?

זיי האבן דאך גאר נישט אויפגעקלערט, נישט באוווסטזיניק געמאכט, וואס דאס איז אזוינס דער שבת, דער זין פון שבת, זיין באדייטונג, הייליקייט.

און זיי טוען ווייטער גאר נישט פאר רעליגיעזער אויפקלערונג. אונזערע אפיציעלע רעליגיעזע פארשטייער, זיי באנוגענען זיך מיט... שנארן ביים „דזשאינט״. לײדער מוז מען מודה זיין, אז די יידן האבן זיך ארויסגעוויזן פיל שוואכער, פיל ווייניקער ווידערשטאנדס־פעיקער, ווי מען האט געמיינט. די יידן האבן זיך ארויסגעוויזן פאר נישט פעיק דורכצוטראגן דעם קלענסטן נסיון. ווי מיר האבן עס געזען למשל, נאך פארן קריג אינם קאמף קעגן שחיטה־פארבאט און פאר כשרות. מען האט געגעסן טריפה פלייש אפילו ווען דער אונטערשיד אין פרייז האט קוים אויסגעמאכט גראשנס. דאס זעלבע האבן מיר געזען אינם קאמף פארן שבת־רו.

די קארופציע, דעמאראליזאציע, גניבה אין געטא איז שרעקלעך. די סיבה די אויסערגעוויינלעכע צרות. אלע שלעכטע מדות און געמיינע אינסטינקטן האבן זיך יעצט אנטפלעקט אין זייער גאנצער נאקעטקייט. אבער ווער ווייסט, צי מען וואלט איינגעשלאסן אין אזא געטא ווי אין ווארשע 400 טויזנט גוים, וואלט דאס בילד נישט אויסגעזען פיל ערגער. מען וואלט זיך ווארשיינלעך פשוט געגנזייטיק אויסגעשאכטן...

די פראווינצער יידן האבן זיך ארויסגעוויזן פאר בעסערע. ביי זיי איז נאך נישט אויסגעוואָרצלט געווארן דאס אלטע יידישע רחמנות־געפיל. פראווינצער יידן זיינען זיך מוסר נפש, שפארן אפ דעם ביסן פון מויל און שיקן פעקלעך צו קרובים, באקאנטע און אפילו צו פרעמדע אין ווארשע.

עס איז אויך טרויעריק, וואס עס זיינען נישטא קיין משיח־טרוימען אין געטא. נישטא קיין גאולה־טרוימען, כ׳מיין גאולה אין העכערן, גייסטיקן זין. מען דענקט מיט ריינע מאטעריאליסטישע קאטעגאריעס. גאולה הייסט — צוריקקער צו א לייכט לעבן, קריניץ, סיר הבשר. ס׳איז אפשר יא פאראן אן הרגשה פון חבלי משיח, אבער מען וויל נישט ארויסציען די נעהעריקע קאנסעקווענצן און דעריבער זעט מען נישט די פארבערייטונגען אויפצונעמען, מכשיר זיין זיך צו דער העכערער גייסטיקער משיחישער גאולה.

— ווי זען אויס די צוקונפט־פערספעקטיוון פון יידישן פאלק, באזונ־דערס פון די יידישע מאסן אין פוילן?

— אן א רעליגיעזער התעוררות, אן א משיחישער אידעע וועלן יידן נישט געהאלפן ווערן. ווייל וואס? די פאליטישע פערספעקטיוון זען אויס זייער



with the carters. Was this "propaganda"? They explained nothing, they did not enlighten people as to what the Sabbath was, its meaning, its significance, its sacredness.

They continue to do nothing for religious enlightenment, these religious officials of ours. They content themselves with begging from the Joint Distribution Committee.[55] One must admit that unfortunately the Jews have shown themselves to be much weaker, much less able to resist than we had supposed. The Jews have shown themselves to be unable to withstand the least hardship, as we saw before the war, for instance, in the struggle against prohibiting ritual slaughter and on behalf of kashrut. People ate non-kosher meat even when the difference in price was only a few pennies. We observed this too in the struggle to keep the Sabbath as a day of rest.

Corruption, demoralization, and thievery in the ghetto are terrible. Their cause—the extraordinary misfortunes. Evil traits and base instincts are now revealed in all their nakedness. But if 400,000 Gentiles were locked up in such a ghetto, who knows if the picture would not look much worse. They would probably just slaughter one another.

Jews in the provinces turn out to be better. The old Jewish feeling of compassion has not yet been eradicated from them. Jews in the provinces are self-sacrificing, renouncing a bit of food to send packages to relatives, acquaintances, and even to strangers in Warsaw.

It is also sad that there are no visions of the Messiah in the ghetto, no visions of redemption, I mean redemption in the spiritual sense. People think in purely materialistic terms, the redemption means return to an easy life, fancy resorts, fleshpots. Perhaps there is a perception of the travail before the Messiah's coming, but people do not want to draw the necessary conclusions and therefore do not respond and prepare themselves for messianic redemption.

Q: *What is the outlook for the Jewish people, especially the Jewish masses in Poland?*

Without a religious awakening, without a messianic idea, the Jews

55. The American Jewish Joint Distribution Committee—JDC, the leading American Jewish philanthropic organization serving needy Jews throughout the world.

ניִשט פֿריילעך. די פּאָליאַקן וועלן זאָגן, אַז די יידן האָבן געמאַכט די בעסטע געשעפֿטן מיט די דייטשן, האָבן באַקומען פֿון זיי אויטאָנאָמיע און די יידן־העצע וועט ווייטער פּראָספּערירן. נאַיוו און לעכערלעך זיינען אויך די יידישע אָפּטימיסטישע האָפֿענונגען פֿאַרבינדן מיט ענגלאַנד. פֿאַר מיר איז עס קלאָר ווי צוויי מאָל צוויי איז פֿיר, אַז ענגלאַנד וועט ווידער אַמאָל אונז אָפּנאַרן, פֿאַראַטן, פּונקט ווי זי טוט עס לגבי אַלע אַנדערע קליינע און שוואַכע פֿעלקער, און אונז ניִשט געבן ארץ־ישראל. דעריבער זאָג איך, אַז אונזער רעטונג ליגט נאָר אין אינערלעכער, רעליגיעזער התעוררות, וואָס איז בכוח צו ווייזן וווּנדער. ירושלים דמעלה, דאָס גייסטיקע ירושלים, וועט אונז קיינער ניִשט קאָנען צורויבן און מיטן כוח פֿון גייסט וועלן מיר סוף כל סוף זיגן אויך פּאָליטיש.

...שווערע מפּלות אויף דער פּאָליטישער אַרענע, אויפֿן ארץ־ישראל־פֿראָנט [זיינען] בעיקר אַ רעזולטאַט דערפֿון, וואָס די ענגלענדער האָבן זיך איבערצייגט אין אונזער גייסטיקער שוואַכקייט. די ענגלענדער האָבן געמיינט, אַז מיר זיינען טאַקע אַן עם קשה עורף, אַז מיר זיינען באמת גרייט אַלץ מקריב זיין פֿאַר ארץ־ישראל, און ווען זיי האָבן געזען אונזער שוואַכקייט, האָבן זיי פֿאַרלוירן די אַכטונג צו אונז, אויפֿגעהערט זיך צו רעכענען מיט אונז.

אַ רעטונג פֿאַר יידן וואָלט געווען — אַ טעריטאָריע. לײַדער האָבן מיר מיט אַ מנחם־מענדלישער לייכטזיניקייט אָפּגעוואָרפֿן די טעריטאָריאַליסטישע פּלענער און מעגלעכקייטן. מען האָט די טעריטאָריאַליסטן, און מיר בתוכם, פֿאַרשריגן אַלס פֿאַררעטער. ערשט יעצט הויבט מען אָן פֿאַרשטיין דעם שרעקלעכן פֿעלער, וואָס מען איז באַגאַנגען. און זאָל מען שוין היינט געפֿינען אַ טעריטאָריע, ווו וועט מען נעמען די ריזן־קאַפּיטאַלן פֿאַר אַ מאַסן־קאָלאָניזאַציע?

— אין וועלכער ריכטונג דאַרף גיין די אויפֿקלערונגס־אַרבעט צווישן די יוגנט, בכדי זי צוגרייטן צו די אויפֿגאַבן, וואָס ערוואַרטן איר נאָכן קריג?

— קודם־כל — פּראָדוקטיוויזאַציע: לערנען פֿאַכן, טאַקע בעסערע און דערלערנען זיי גרינדלעך. מען דאַרף אויך לערנען אונזער יוגנט ערד־אַרבעט. מען מוז זיין גרייט צו עמיגראַציע.

מען דאַרף אויך לערנען די יוגנט, זי זאָל אָנהויבן קוקן אויף דער וועלט מיט מער יידישע אויגן, אויסוואָרצלען ביי איר די קאָמישע שוואַכקייט צו פּאָלאָניזאַציע און קאַריקאַטורעלער אַסימילאַציע און דאַן וועלן זיי געפֿינען דעם וועג צו זיך און צו דער וועלט.

Territori-alism

Productivi-zation

57



will not be saved. Why? The political outlook is not promising. The Poles will say that the Jews made the best deal with the Germans, received autonomy from them, and Jew-baiting will continue to thrive. The optimistic hopes Jews direct toward England are also naive and ridiculous. It is clear to me as two and two make four that England will once again fool us, betray us, as she does other small and weak peoples, by not giving us Palestine. I say, therefore, that our salvation lies only in an inner religious awakening capable of working miracles. No one can rob us of Heavenly Jerusalem, the spiritual Jerusalem, and with the force of the spirit we will finally conquer also politically. . . .

A Holocaust Reader ed. Lucy S. Dawidowicz. NY: Behrman House, 1976

cf. Huberband [illegible] II

Kalonymus Shapiro [illegible]

ש. שײַעװיטש

# לך לך...

און אצינד בלימעלע, קינד־לעב,
צוים דײַן קינדערישע פרייד —
סיקװעקזילבערדיקע שטײַגל אין דיר —
און צום אומבאקאנטן װעג לאמיר זײַן גרייט.

שטעל נישט דײַנע גרױסע ברױנע
אױגענעס אױף מיר נײַגעריק אױס
און פרעג נישט פארװען און פארװאס
מיר מוזן פארלאזן אונדזער הױז

איך אלײן בין שױן, קינד־לעב, שײנס,
א מענטש דערװאקסן און שױן גרױס
און װײס אױך נישט, פארװאס מען טרײַבט
דעם פױגל פון זײַן נעסט ארױס:

האלט־אײַן דײַנע זיסע צארטע
געלעכטערלעך — זילבערנער געקלאנג
פון פארצײַטישע בשׂמים־ביקסלעך —
און טו דיך אן צום צװײטן גאנג. *

טו־אן די פאר װארימע הױזלעך,
װאס סיהאט דיר צורעכטגעמאכט
די מאמע ערשט נעכטן בײַנאכט
און דערבײַ געזונגען און געלאכט

און נישט געװוסט, אז די שטוב הערט
שױן איר לעצט פריילעך געלעכטער,
װי די קו װאס מעקעט און װײסט נישט
פון חלף אין האנט פון שעכטער.

טו־אן, קינד, דאס בלױע יאקעלע,
װאס כאטש א ברעג האט זיך אונגעברענט
בײַם טרוקענען אױף דער רער — װעט עס דיר I
װארימען דארט אין דער קאלטער פרעמד

און אפהיטן דײַנע לונגעלעך,
אז זײ זאלן זײַן שטארק און געזונט,
און זיך חלילה נישט צוקילן2
בײַ ליאדע פרעסטל בײַם מינדסטן װינט.

די פראסט דרױסן סטאליעט, ברענט, בריט,
נעמט ארום מיט אן אײַזערנע רײף
— נו, פארפלעכטן װעט דיר די מאמע
די צעפעלעך מיט א רױטע שלײף.

די פראסט דרױסן גליט, פלאמט, שטאלט דעם גוף,
און דער באראמעטער װײַזט אכצן גראד —
נו, כ׳האב פאר דיר קינד־לעב אױסגעזוכט
סיגאלדן בענדל מיט טראלדון פון זײַד.

שטעל — נישט דײַנע גרױסע ברױנע
אױגענעס אױף מיר אזױ אױס 3
און פרעג נישט פארװען און פארװאס
מיר מוזן פון אונדזער שטוב ארױס

# 91 *Lekh-Lekho*

SIMKHE BUNEM SHAYEVITSH

And now, Blimele, dear child
Restrain your childish joy
—That mercurial stream within you—
Let us be ready for the unknown road.

Do not gaze in wonder at me
With your great brown eyes
And do not ask any questions why
We have to leave our home.

Dear lovely child, I am
An adult, already grown,
And I don't know why they're driving
The bird out of its nest.

Keep back your gentle, sweet
Little laughters—silver ringing
Of old spiceboxes—
And get dressed to leave again.

Put on your warm little pants
Which your mother mended
Only last night
As she sang and laughed

And did not know the house was hearing
Her last happy laughter
Like the cow that lows and knows not
Of the knife in the slaughterer's hand.

Put on, child, your little blue jacket,
Although the hem is singed
From drying on the pipe;
It will warm you in the foreign cold

And guard your little lungs,
Keep them strong and healthy,
And don't God forbid, catch cold
In any frost, in the slightest wind.

The frost outside scorches, burns, stings,
Enfolds one with a hoop of iron.
Well, your mother will braid
Your little plaits with a red band.

The frost outside glows, flames, steels the body,
The thermometer has sunk to eighteen degrees.
Well, dear child, I found for you
The golden band with silver tassels.

Do not gaze in wonder at me
With your great brown eyes,
And do not ask any questions why
We have to leave our home

---

* From January 16, 1942 until January 29, 10,103 Jews were deported from the Lodz ghetto. The deportations resumed on February and continued until April 2. During this period, 34,073 Jews perished.

און לאָזן זיך אין ווײַטע, ווײַטע
אומבאַקאַנטע פֿאַרשנייטע וועגן
און װאָס אַנשטאָט אַ דאָרף, אַ שטאָט
זאָל דער פּחד קומען אַקעגן.

און װען װי מיסט צום מיסטן, צוגעגרייט
צו אַלערליי, אַלערליי פּלאָגן,
און װוּ מען װעט נעכטיקן,
װעט מען נישט מאָרגן טאָגן.

און נישט האָבן קיין ידיעה
וואָס ליגט אין ווײַטן וועג דערוואַרט:
צי אַ וואַרעם בעט צום שלאָפֿן,
צי אַ גאָלן דיל — קאַלט און האַרט

צי אַ טעפּל וואַרימע קאַווע
און אַ שטיקל ברויט מיט זאַלץ באַשיט,
צי גאָר לעבעדיק, אַ לעבעדיק
און ברידער־קבֿרים פֿאַרשיט.

שטעל נישט דײַנע גרויסע, ברוינע
אויגן אויף מיר אויס מיט חידוש,
וואָס אין אַ פּראָסטן מיטוואָך מאַך איך
דעם פֿרײַטיק צו נאַכטיקן קידוש.

דאָס מאַך איך קידוש: „יום השישי"
איבער אונדזער היימישער נעסט.
און זאָג מיט פֿרייד: „שלום עליכם"
צו די צוויי מלאכים־געסט

וואָס באַגלייטן מיך און גייען
אומעטום מיט מיר מיט זײַט בײַ זײַט,
און וויינען־מיט מיט מײַן געוויין,
און פֿרייען זיך מיט מײַן פֿרייד.

די צוויי מלאכים־געסט — ווער זענען?
נו, טרעף שנעל ווי אויסן בויגן די פֿײַל —
דאָס ביסטו, דאָך בלימעלע קינד־שיינס,
און דײַן מאַמע — די אשת חיל

וואָס אין איר געמיט רוט תּמיד
דער שבת, כאָטש סיפּנים פֿאַרכמורעט,
ווי סירוט די זון אונטערן וואָלקן
אין רעגן־טאָג, ווען דער הימל — פֿאַרכמורעט.

און כאָטש אין באַקאַנטן געטאָ־מקום
האָט זיך אונדזער נעסט געפֿונען
און אַ זילבער־שנייאיק געוועב
האָט די פֿראָסט־שפּין פֿאַרשפּונען

דורך די דינע הילצערנע פּענטער
פֿון אונדזער ענג נישט געהייצט צימער
און ווי ווײַס־טויטע הענט געשראָקן
מיט איר קאַלט־אומהיימלעכן שימער

און כאָטש דער הונגער און די זאָרג
האָבן געבויגן דעם רוקן
און שרעק — אַן אַרומשפּרינגענדע זשאַבע —
צעגראָבן סיפּנים ווי בײַ אַ זקן —

And are going on long, long
Unknown, snowy roads;
And why, instead of village or town,
Terror should come to meet us;

And why we are ready to be cast out like rubbish
For every kind of suffering,
And where we spend the night
We will not be at dawn;

And have no inkling
Of what awaits us on the distant road:
A warm bed to sleep in,
Or a bare floor, cold and hard;

A pot of hot coffee
And a piece of bread sprinkled with salt,
Or to be thrust alive, alive
Into a common grave, scattered with earth.

Do not gaze in wonder at me
With your great brown eyes, surprised
That on a weekday Wednesday
I recite the Sabbath *kiddush*.°

*The benediction over wine.*

I recite the *kiddush*, *"Yoym hashishi,"*
Over the nest of our home
And sing with joy *"Sholem-aleikhem"*°
To the two angel guests

*The Sabbath hymn recited immediately before kiddush.*

Who stay by me, go everywhere
With me, side by side
And weep with my weeping
And rejoice with my joy.

These two angel guests—who are they?
Now guess, quick as arrow from bow.
They are: you, Blimele, beautiful child
And your mother, the woman of valor°

*Prov. 31:10–31. Traditionally chanted at the Friday night meal before kiddush.*

In whose spirit rests always the Sabbath,
Though her face is darkened
—As the sun rests behind clouds
On a rainy day when the sky is darkened.

And although our nest
Is in a well-known spot called "ghetto,"
And a silver-snowy web
Has been spun by the spider of frost

Through the thin wooden walls
Of our cramped unheated room
And frightened us with dead white hands,
With its cold eerie gleam,

And although hunger and worry
Have bowed our backs
And terror, a leaping frog,
Buried our faces like an old man's—

צוגעבונדן צו אונדזער ווינקל
זענען מיר מיט טויזנטער שטריק
און אין אונדזער האַרץ ברענט דאָס פֿײַער
און פֿלאַטערט דער חלום פֿון גליק

ווי די גאָלדענע זאַטע ושאַרנע
אינעם שנעבעלע פֿון פֿויגל
איז דער חלום אונדזער שפּײַזער
אַ זוניק בראַנזן האָניק-טייגל.

וואָס כאָטש נישט איינמאָל האָבן מיר זיך
אַנטוישט און ביטער אָפּגענאַרט —
האָט ער דעסטוועגן געגעבן כּח
און מיר האָבן אויף בעסערס געוואַרט.

---

און אַצינד בלימעלע קינד-לעב
הער אויף... נו, הער שוין אויף צו שפּילן...
נישט קיין פּאַסיקע צײַט איצט דערויף —
מען קאָן אונדז יעדע מינוט רופֿן...

צו פֿאַרלאָזן די אָרעמע היים —
אַן עלנט שיפֿל אויפֿן אינדזל פֿון זאַמד
און שלײַדערן אונדז אין מיטן
נאַקעטן צעבושעוועטן ים.

אַט דרויסן שלעפּן זיך שוין פֿאַרבײַ
די ערשטע גרופּן אויפֿן וואַנדער —
פֿרויען, מענער, זקנים. אויף רוקנס —
משׂאות שווערע; אויף הענט — קינדער.

זייערע פֿאַרבאַבלטע* פּנימער
זענען פֿון שאַנד און פֿראָסט שיכּור-רויט.
זייערע שריט — פֿאַרחלשט-וואַקלדיק.
מיט בליקן-פֿאַרמשפּטע צום טויט.

נאָר אויף דעם חורבן איז נישטאָ
ירמיה וואָס זאָל קלאָגן איכה.
ער גייט נישט מיט זיי אין גלות
צום טרייסט ווי בײַ דין בבֿל טײַכן

און שטעל נישט קינד-לעבן אויף מיר אויס
דײַנע אויגן מיט חידושדיק געפֿרעג
פֿאַרוואָס גייען בלויז אָרעמעלייט
און די זאַטע וווּ צום ווײַטן וועג?

ווייס, קינד — ..עולם-וועלט, עולם-אייביק״ —
סיווערטל פֿון חכם אַ באַוווּסטן —
כיהאָב דאָך דיר שוין דערציילט די מעשׂה —
די מעשׂה מיט די קאַנטאָניסטן.

... אָרעמע קינדער געכאַפּט און פֿון
טאַטע-מאַמע אַוועקגעריסן
טאָ וואָס זשע קינד ווונדערסטו זיך,
אַז יענע צײַט לאָזט די געטאָ גריסן...

און מיר מוזן נעמען אין האַנט
דעם אַלטן וואַנדער-שטעקן און גיין
און נישט וויסן ווו סיוועט אָהינקומען
אונדזער אָרעם און קראַנק געביין

צי מיר וועלן קומען ערגעץ
און דערגיין אויף אַן אָפּרו-אָרט
און מענטשן וועלן אויסשטרעקן
הענט פֿרײַנטלעכע מיט אַ גוט וואָרט

---

* [illegible]

We are bound to our corner
With a thousand ropes,
And in our hearts the fire burns,
The dream flaps its wings—of hope—

Like the full golden kernel
In the beak of a bird;
The dream is our sustainer,
A sun-bronzed honey-cake

Which, although more than once
We've been disappointed, bitterly duped,
Yet it has given strength
And we have waited for better things.

And now Blimele, dear child,
Stop—stop playing now,
No time for that,
We can be called at any minute

To leave our poor home
—A lonely boat on an island of sand—
And be hurled into the midst
Of a naked furious sea.

Outside the first groups already
Are dragging themselves on the trek
Women, men, old people; on their backs
Heavy burdens, in their arms children.

Their grieving faces
Are drunken-red from shame and frost
Their step—fainting, staggering,
Their looks—sentenced to death.

But there is no Jeremiah
To lament the Destruction.
He does not go with them into Exile
To comfort them by Babylon's streams.

Do not gaze at me, dear child
With questioning wondering eyes—
Why are only poor folk here,
Where are the well-fed on the distant roads?

You know, child: *oylem* means world and it means eternal
The saying of a famous wise man.
I've told you the story
The story of the Cantonists*:

Poor children, kidnapped,
Torn away from father and mother.
So why do you wonder, child,
If those times greet the ghetto?

And we must pick up
The old wander-staff and go,
Not knowing what will befall
Our poor sick bones.

Whether we'll get somewhere
And reach a place of rest,
And people will stretch out
Friendly hands, with a kind word:

צי ווי פֿייגל קראַנקע, וואָס בלייבן
ליגן טויט אין פֿעלד ערגעץ אין אַ טאָל
וועלן מיר אויסגיין אין מיטן וועג —
נישט קומען צו קבֿר ישׂראל.

און סעודות וועלן זיך די ראָבן
מאַכן פֿון אונדזערע גופֿים
און אַז זאַט וועט ווערן איין סטאַטע
וועט זי דאָן די צווייטע רופֿן.

וויין נישט טייער קינד, וויין נישט! ס׳לעבן
איז טאַקע שיין און ס׳ציט ווי מאַגנעט
און נאָך מער ווי תמיד און נאָך מער
ווי אומעטום ציט ס׳ אויף נאָך דער געטאָ.

ווייס אָבער — דער זינדיקער מענטש
מוז תמיד זײַן מוכן ומזומן
סײַ צום רעשיק פֿאַרביק לעבן,
סײַ צום וויסטן טרויעריק אומקומען. 6

אָט ועסטו — פּאַק איך איין דעם טלית
און דעם קיטל אויף תכריכים
און אויך דאָס קליינע, רויטע תנ״ך
און לייוויקס לידער אויף צײַט פֿון מנוחה.

און דו קינד — נעם מיט סישטיקעלע זייף
אויסצוואַשן דיר אַ העמדל —
ריין מוז מען זיך האַלטן אין דער היים
און נאָך מער אין דער פֿרעמדער פֿרעמד.

פֿאַרגעס אויך נישט מיטצונעמען
ס׳ניסן קעמל ס׳ווײַסע און גערעדטע —
דאָס קעמעלע וועט דיר די מאַמע
אַפּקעמען יעטווידן פֿאַרנאַכט

און זען און אַכטונג געבן אויף דיר
זאָלסט חלילה נישט ווערן פֿאַרלויזט
און זינגען דיר: „ביבל, ביבל
ליוזעלע״ און דיך האַלטן אויף איר שויס

און דיר דערציילן מעשׂהלעך
פֿון אַמאָל, וואָס ענדלען צום הײַנט
און זי וועט אַליין זײַן ירמיה,
זאָל טרייסטן אַלעמען באַטש ס׳האַרץ שרעקט און וויינט.

און אַצינד בלימעלע קינד־לעב
וויין נישט די נעט ווײַסע ציין אַרויס —
צום געזעגענען זיך מיט דער שטוב
געבליבן צײַט איצט פֿאַר אונדז בלויז

טאָ, לאָמיר זיך געזעגענען
מיט אַלעם וואָס אונדז איז ליב און טײַער
מיט יעדער קלייניקייט וואָס מיר לאָזן
דאָ איבער און סילויפֿט אונדז נאָך ווי פֿײַער.

מיט דער בענקשאַפֿט וואָס אַרײַנגעהויכט
אין איטלעכער זאַך ס׳האָט מײַן לונג
און וואָס האָפּסעט אונדז ווי אַ הינטל
סײַ ווי אומעטום נאָך טרײַ און פֿלינק.

Or whether like sick birds that fall
Dead in a field, in a valley somewhere,
We'll perish on the road,
Not be buried as Jews,

And the ravens will make
Banquets on our bodies,
And when one flock is sated
It will summon a second.

Don't weep, dear child! Don't weep!
Life is beautiful, it draws like a magnet,
And more than ever and more than anywhere
It draws beyond the ghetto.

But know that sinful man
Must always be prepared
Both for noisy colorful life
And for bleak unhappy death.

Look I'm packing the *tallis**
And the *kitl** for a shroud

And also the small red Bible
And Leivick's poems for a time of rest.

And you, child—bring the bar of soap
To wash your little shirt.
One must keep clean at home
And still more in a strange, strange land.

And don't forget to bring
The white nit-comb, that we talked about before;
Every night mother will use it
To straighten out your hair

And take good care of you
Lest, God forbid, you get lousy,
And sing to you "Bibl, bibl
Little louse"—and hold you on her lap

And tell you stories
Of the past that is like today
And she herself will be Jeremiah
Who comforts all, though the heart fears and weeps.

And now Blimele, dear child,
Don't weep out your little white teeth
We have only time
To say goodbye to the house.

So let us say goodbye
To all that we hold dear,
To every little thing we leave
And it runs after us like fire.

With the longing that my lung
Breathed into each thing—
And bounds up like a puppy
Everywhere, faithful yet and swift.

*tallis*: Prayer shawl.
*kitl*: Man's solemn white linen robe.

וואָס פֿלאַטערן דאָ אַרום אין שטוב
און לויפֿן פֿאָרויס און גייען
אַקעגן ווען מ׳פֿירט אונדז צום גרוב.

לאָמיר זיך מיט יעדן פּיצל
געזעגענען פּונקט ווי אַלטע באָבעס;
ווי מען געזעגנט זיך פֿרום פֿאַרנאַכט
מיטן הייליקן טאָג שבת

ווען שאָטנס קריכן אויף ווענט און ס׳דערבליקט
פֿינקלענדיק, וואָכעדיקע שטערן —
ס׳האַרץ נאָגט, צאַפּלט, ווערט-צעריסן פֿון באַנג
און פֿון אויגן קײַקלען זיך טרערן.

אָט איז דער טיש — דערויף ס׳טישטוך
מיט די בלויע קעסטעלעך פֿאַרשפּרייט;
אויף אים האָט דײַן אָרעמע מאַמע
אירע מאָלצײַטן צוגעגרייט.

כאָטש נישט תּמיד וואָס צוגרייטן
האָבן געהאַט אירע בלייכע הענט,
האָט דעסטוועגן אַ ליבער יום-טובֿ
אייביק פֿונעם טיש אַראָפּגעבלענדט.

אויפֿן טיש האָט אויך אויסגעגאָסן 8
דײַן טאַטע זײַן פֿיבערדיק געמיט;
דעם טישס האָלצן האַרץ דער ערשטער געהערט
דעם ניגון פֿון זײַן אומעטיק ליד. 9

און האָט אויפֿגעציטערט-דערשראָקן
און גענומען מיטברומען שטיל
און אין וואַלדיק-שאַרפֿן ריח
אונדזער אָרעם שטיבל אײַנגעהילט

און די פֿײַכטע אײַנגעהויקערטע ווענט
האָט אויסגעבויגן ס׳קרומע אויער.
זיך געחידושט און מיטגעפֿליסטערט 10
דאָס ליד פֿון פֿרייד, דאָס ליד פֿון טרויער.

און דער באַלקן אַראָפּגענידערט
צו הערן די מאָדנע געזאַנגען
און דער דיל דבֿיקותדיק זיך געדרייט
און פֿאַר מתיקות שיִער אויסגעגאַנגען

אָט, קינד-שיינס, איז די גאַרדעראָב —
צוויי טירן און אין דערמיט אַ שפּיגל,
וואָס האָט זיך אַלעס שטיל צוגעזען
און אין גלעזערן האַרץ עס פֿאַרזיגלט.

און טראָגט אין זיך די זוניקע פֿאַרב
פֿון דײַן רויט קערפּערל, בײַם געבוירן
און ערשטן פּראָטעסט וואָס צעקרומט האָט
דײַן זײַדן ליפּעלע אָן וואָרט

און ווי אַ פּאַטעפֿאָן-פּליטע —
טראָגט פֿאַרבאָרגן אין זיך דער שפּיגל
ס׳ערשטע ליד מיט וואָס אײַנגעווימלט ביסט
אין דײַן פּראָסטן, שטרויענעם וויגל.

און פֿאַרקריצט איז דאָרט דײַן ערשט געלעכטערל,
וואָס האָט געשפּריצט ווי שאָקאָלאַד זיסע
און אויך שוין דער דערצו ענלעכער
מויל-קרום פֿון לעצטן ווי בעת גסיסה.

*Reference to the Got fun Avrom (God of Abraham) prayer recited by women at the end of the Sabbath.*

With the unsung songs
That flutter about the house
And run ahead and come to meet us
When we are led to the grave.

Let us take leave of each tiny thing
Just like old grandmothers
Piously taking leave at dusk
Of the holy Sabbath day.*

When the shadows creep on the walls
And one sees twinkling weekday stars.
The heart gnaws, quivers, is torn by regret
And from the eyes run tears.

Here is the table—on it is spread
The cloth with the blue squares.
Your poor mother
Prepared her meals here.

Although her pale hands
Didn't always have something to prepare,
Nonetheless, the dear holiday
Always dazzled from the table.

On the table, your father too
Poured out his fevered spirit;
The table's wooden heart was the first to hear
The melody of his mournful song.

And shuddered in fear,
And began humming quietly too,
And our poor house was wrapped
In a sharp forest smell

And the damp bowed walls
Lent a crooked ear
Were surprised, and whispered as well
The song of joy, the song of grief,

And the ceiling lowered itself
To hear the peculiar songs
And the floor spun in rapture
And almost died of sweetness.

Here, child, is the wardrobe—
Two doors and a mirror between them
Which quietly saw everything
And sealed it in its glassy heart

And holds within it the sunny hue
Of your little red body at birth
And the first protest that made
Your silky lip scowl without a word

And like a phonograph record
The mirror holds hidden within it
The first song that lulled you to sleep
In your simple cradle of straw.

And your first little laugh is engraved there
Which spurted like sweet chocolate;
And also the similar twist of the mouth
In the final throes of death.

און אט. קינד. אין רעכטן פליגל־שאנק
האט דיין מאמע געהאלטן די וועש.
וואס אידע העגט אליין געוואשן
און וואהאבן געשמעקט מיט ריחות פון בעז.

און זי׳ האט זי געפלעגט ארײנוויינען,
ווען איר האפנונג איז צערינען
און די חלומות האבן זיך
געלאשן ווי פארנאכטיקע זינען.

נאר אפט ארײנגעלאכט ווען אין מיטן
פארארכטן זי׳ האט זי אײנגעדרימלט
און געזען דיין מזל — א זון.
וואס גייט אויף אין בלויען הימל.

און אין לינקן פליגל ליגן דארט
ספרים. ביכער און מײנע כתבים —
ישעיה חברט זיך מיט געטען און רב
יונתן אייבעשיץ מיט טאוים.

און יעסענין וויל זיך אנשיכורן
און משתין זיין כפני קהל ועדה
נאר ער זעט פלוצים. ווי אברהם
פירט יצחקן אויף דער עקידה.

מרים אולינאווער וויזט פון איר
באבעס אוצר די ..אנטיקלעך״ —
פלאמט דוד המלך אויף ביים תהילים
און מאכט לכבוד אים רקודימלעך. 11

און דער קאצקער שטייט נאך אלץ און ווארט
מיט קנוילישער באָרד און בייז געברום
אויף צען יונגעלייט וואס זאלן פאר וועלט
אויסשרייען: „ד׳ הוא אלוקים״.

נאר דער ווארקער קלאפט אים פריינטלעך
אין פלייצע. אוש ביים קאצקער ציקט די ברעם:
..ניטע. ניגלות איז א ייד־א יעדן טאג 12
שוין מקיים מצוות קידוש השם — —

א מער — מ׳רן כאפן ״יש א קאפ. 13
א שטיקל קעז און זאגן לחיים
און שוין ציים דער בורא ברוך הוא
אליין זאל מקדש זיין שם שמים״....

און מיט הכנעה און מיט ציטער
ליגן מײנע לידער און נאוועלן: 14
זיי ליגן אוןווארטן מיט שרעק 15
ווי ארעמעלייט אויף רייכע שטעלן

און שעפטשען שטיל. פליסטערן מיט תחנונים 16
ביז סידערהערט ווייער מורמלען רב אשי
און הייסט מאכן א ווארע און סיווערט
אויך פריינטלעך דער שטאלצער שלום אש

און א גערודער ווערט: ..נאך איינער
אין דער משפחה... לאמירן קרוינען״ —
צעשפרייט אהרן הכהן די הענט
צום דוכן און זאגט ברכת כוהנים...

ציטערט. ציטערט ספרים הייליקע
ציטערט. ציטערט חלומות פון גאונים —
אין באגין אמאל וועט איינער אופשטיין 17
און אין די בלויזע תחתונים

---

And here, child, on the right side of the cupboard
Your mother kept the laundry
Washed by her own hands
And scented with lilac

And she used to weep into it
When her hope evaporated
And her dreams went out
Like suns of earlier days.

But she often laughed into the clothes
When she slumbered amidst her work
And saw your luck like a sun
In a blue sky rising.

And on the left side lie Holy books,
Worldly books, my manuscripts.
Isaiah hobnobs with Goethe,
Reb Jonathan Eybeschuetz° with Tuwim.°°

And Yesenin° wants to get drunk
And urinate in public
But suddenly he sees Abraham
Leading Isaac to Mount Moriah.

Miriam Ulinover° displays
The "antiques" from her grandmother's treasure;
King David flames up in the Psalms
And foots in His honor the circle-dances.

And the Kotsker° still stands waiting
With knotted beard and angry mutter
For ten young men to cry out to the world:
THE LORD ALONE IS GOD!

But the Vorker° slaps him on the back
In friendly fashion till the Kotsker blinks.
"Don't be a fool! Every day a Jew in Exile
Performs the command of *Kiddush Hashem*.

"So instead let's take a drop of whiskey,
A bite of cheese, and say *Lekhayim!*
It's time for God, the blessed, Himself
To hallow the name of heaven."

And in humility and trembling
Lie my poems and stories,
They lie and wait in fear
Like poor folk for well-paid jobs

And whisper quietly, softly entreat
Till Rav Ashi° hears their murmur

And bids "Make way!": friendly, too
Is the proud Sholem Asch.°

And there's an uproar: "Here's another
In the family—let's crown him!"
Aaron the Priest makes with hands
And spoken words the priestly blessing.

Tremble, tremble, sacred books,
Tremble, tremble, dreams of geniuses—
Some dawn, someone will get up
And, dressed only in underpants,

*Talmudist and kabbalist* (circa 1695–1764).

*Major Polish poet of Jewish descent* (1894–1953).

*Enormously popular Russian poet* (1895–1925) *who married Isadora Duncan.*

*From Lodz* (1894–1944); *most famous for her volume Der bobes oytser* (*Grandmother's Treasure*, 1922).

*Menahem Mendl of Kotsk* (*died* 1859), *a late Hasidic master.*

*Yitzhak of Vorke* (*died* 1858), *a disciple of Simkhe Bunem of Pshysha.*

*Credited with redacting the Babylonian Talmud* (circa 335–427 C.E.).

*Most prolific and popular Yiddish novelist before World War II* (1880–1957).

וועט ער פֿון אײַך שנײַדן קוואַדראַטנע
שטיקלעך אשר־יצר פּאַפּיר
און ריוועט זיך נאָך קרומען: „ס'באַשריבן —
ס'קאָן נאָך חלילה פֿאַרשאַדן מיר"....

און אָט איז ס'בעט וווּ ס'האָט זיך אַנטפּלעקט
די קראַפֿט פֿון אדם הראשון
און וואָס איז דער עדות פֿון געטער,
פֿון אַ מעשׂה־בראשית אַ פֿרישן.

דאָס בעט וואָס האָט אונדז צאַרט פֿאַרוויגט
מיט די זיסטע, שענסטע חלומות
און געוויזן פֿרויען — טויזנט מאָל
שענער פֿאַר די טויזנט ווײַבער שלמהס.

דאָס בעט, וואָס האָט אונדז אויפֿגעהויבן
ווי אַ כּישופֿדיקע ראַקעטע
און איבער אַלע צוימען און דראָטן
אונדז אַרויסגעפֿירט פֿון דער געטאָ

און געפֿלויגן מיט אָדלער־פֿליגלען
איבער מדינות און שענסטע מקומות —
אין נאַכט פֿון צער אַרויסגעצויגן
אונדז פֿון די טיפֿסטע, טיפֿסטע תהומות

און אונדז געמאַכט יונג, און שיין און פֿריש —
אַרײַנגעזעצט אין שלעסער גאָלדענע
און אָנגעטאָן קרוינען אויף די קעפּ
דווקא אין שעהן פֿאַרשאָלטענע

און אונדז דערציילט וווּנדערלעכע
מעשׂיות פֿון טויזנט און איין נאַכט,
און אין אונדזערע טריבע געמיטער
מיט טויזנט חנען אַרײַנגעלאַכט.

קרעכץ, קרעכץ לײַטזעליקדיק הייליק בעט —
אויף דער קילאָ פֿאַרקויפֿט ווערסטו אַצינד —
אַ געטאָ־זופּ אָפּצוקאָכן
בײַ דײַן פֿלאַם איז אסור נישט קיין זינד......

---

און אַצינד בלימעלע קינד־לעב —
אָט זע ווי דרויסן וואַנדערט שוין אויס [18]
די צווייטע גרופּע אין גלות אַרײַן —
באַלד וועלן מיר אויך מוזן אַרויס.

און כאָטש, קינד, ביסט אַ מיידעלע
און ווער ס'לערנט מיט זײַן טאָכטער תּורה
איז ווי ר'וואָלט איר אויסגעלערנט צו טאָן
אַן אומווערדיקע עבֿירה —

געקומען איז דער בייזער טאָג,
געקומען איז די בייזע שעה,
וואָס לערנען כ'מוז מיט דיר, אַ מיידעלע,
די שרעקלעכע פּרשה לך לך

נאָר ווי מעג מען עס פֿאַרגלײַכן
צום בלוטיקן לך לך פֿון הײַנט! —
„און געזאָגט האָט גאָט צו אבֿרם
גיי דיר אַרויס פֿון דײַן לאַנד

און פֿון דײַן געבוירטס־אָרט און פֿון
דײַן פֿאָטערס־הויז צום לאַנד, וואָס כ'וועל דיר
אָנווײַזן און דאָרט וועל איך
מאַכן אַ גרויס פֿאָלק פֿון דיר"........

*The abandoned libraries of religious books that had belonged to Jews deported from the ghetto were routinely used as toilet paper; see Isaiah Trunk, Lodzher geto (New York: YIVO, 1962), p. 453.*

*The mass deportations resumed on February 22, 1942, after a one-month interruption.*

*B. Sotah 20a.*

*Gen. 12:1.*

Will cut squares out of you
For toilet-paper*
And turn up his nose too—"They're printed on!
It could harm me, God forbid!"

And here is the bed where the power
Of the first Adam was revealed
And that is the testimony of gods
To a new Genesis.

The bed that lulled us gently to sleep
With the sweetest, most beautiful dreams
And showed women a thousand times lovelier
Than Solomon's thousand wives.

The bed that lifted us
